שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ ״אחד״

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים

מאת

הגה״צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט״א

מאמר

**׳מידת הענוה׳**

אידיש

מועתק מלשונו הזהב

מאמר ב׳

חודש מנחם אב שנת תשפ״ג לפ״ק

# פרנס החודש

הרבני הנגיד והמפואר, איש ישר וטוב לב,
לבו ער לכל דבר שבקדושה, אוהב תורה ולומדיה
ה"ה
מוה"ר **יואל יאקאבאוויטש** הי"ו
ממקורבי הגה"צ מורינו שליט"א – ומגדולי תומכינו

לרגל אירוסי בנו הבה"ח **שמעון יחזקי'** נ"י
למז"ט ובשעטו"מ
עב"ג בת מוה"ר **יוסף וויטריאל** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שהזיווג יעלה יפה יפה,
ויזכו לבנות בית נאמן בישראל, דורות ישרים ומבורכים,
ואך טוב וחסד ירדפם כל ימי חייהם,
לתפארת משפחתם החשובה, עדי
נזכה לביאת משיח צדקינו בב"א

**לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות**
**קול דורשי יהודך**
**718-586-5199**
**בא"י 0765997840**
~ ~ ~
**ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל:** dyyms12@gmail.com
**וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של 20$ עבור הוצאת עריכת הקונטרסים**
**נא להשאיר הודעה בקול דורשי יהודך נומער 9**

©
כל הזכיות שמורות

מכון דורשי יהודך

נסדר לדפוס ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


נאך מער ווי א טאטע ........ א
נעמען 'נשמה' ........ ג
אים געגעבן דאפלט ........ ד
ווען נישט דעם חטא 'עץ הדעת'... ........ ד
זוכה זיין צו 'נשמתו' של משיח ........ ו
דער באדייט פון 'התקשרות לצדיק' ........ ז
קענען ארייַנפּאסן דעם דיאמאנט ........ ט
דער שורש פון אלע ישועות ברוחניות ובגשמיות ........ יא
איינפלאנצן ביי זיך דעם 'אלופו של עולם' ........ יא
אפגעהאקט דער האנט ........ יב
ענוה - אַן אייביגקייט ........ יב
זיך געשטופט ביי דאס פארדארבענע פלייש ........ יג
לויף אים כאטש נישט נאָך... ........ טו
ווען דער 'נברא' האלט זיך ווי א 'בורא'... ........ טז
גאוה אונטער א שלייער פון ענוה ........ יז
די וועלט שטייט אויף זיי ........ יח
ערגער פון דער ערגסטער מצורע ........ יח
"וְיָסְפוּ עֲנָוִים בַּה' שִׂמְחָה" ........ כ
"תורת ה'" אדער "תורתו"? ........ כא
זיך בייטן דעם נאמען ........ כב
מסכים אויף אלצדינג ........ כג

# עמודי התווך

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם,
אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב,
**להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל**
**הקדוש כזה,**
להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **בעריש קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

מוה"ר **יחיאל מיכל שלעזינגער** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד
להם ולזרעם עד עולם,עם רוב תענוג ונחת
דקדושה כל הימים

# מאמר ב'

## מידת הענוה[א]

**נאך מער ווי א טאטע**

מיר הויבן אָן בלי נדר בעזר השם יתברך מסכת אבות; דער רבונו של עולם זאל העלפן עס זאל האבן גרויס הצלחה, מיר זאלן זוכה זיין "לִלְמֹד וּלְלַמֵּד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם" למען שמו יתברך, למען תיקון העולם במלכות שד"י, ולמען תיקון נפשינו ורוחינו ונשמותינו.

די מסכתא רופט זיך "אבות". דער רמב"ם[ב] זאגט, פארוואס רופט זיך די מסכתא "אבות"? ווייל די מסכתא רעכנט אויס דעם שלשלת המסורה והקבלה פון דער הייליגער תורה הקדושה, ווי אזוי עס איז איבערגעגאנגען מרב לתלמיד.

זאגט דער רמב"ם, עס איז ידוע אז א 'רבי' רופט זיך 'אָב' - א טאטע. אזוי ווי עס שטייט ביי אלישע [- וואס אגב; דער רמב"ם[ג] רעכנט אריין אלישע מיט אליהו הנביא צווישן די פערציג מקבלי התורה איש מפי איש עד משה רבינו], ווען ער האט געזעהן ווי אליהו הנביא (- רבו) פליט ארויף אין הימל, האט ער געשריגן[ד]: "**אָבִי אָבִי רֶכֶב יִשְׂרָאֵל וּפָרָשָׁיו**". זעט מען דאך אז א רבי'ן רופט מען "אבי".

---

**א.** שיעור על פרקי אבות, הקדמה.

**ב.** עיין בהקדמת התוספות יו"ט ריש מס' אבות מה שהעתיק מדברי הרמב"ם.

**ג.** בהקדמה לספרו יד החזקה.

**ד.** מלכים ב, יב.

דער אר״י הקדוש זאגט[ה]: א מענטש האט א גרעסערע שייכות מיט דער נשמה פון זיין רבי׳ן ווי מיט זיין טאטן!

עס איז דא אזוי, עס איז דא א גוף, און עס איז דא א נשמה, און עס איז דא א מין נשמה וואס זי איז די ממוצע בין הנשמה להגוף, וואס אז מען איידלט דאס אויס רופט זיך דאס ׳חלוקא דרבנן׳, און דאס האט מען פון די טאטע מאמע[ו], אבער די עצם נשמה איז אַן אנדערע סארט נשמה.

דערפאר זעט מען, א מענטש האט אמאל חיות ביי זיין רבי׳ן אסאך מער ווי ביי זיין טאטן, נישט נאר אסאך מער, נאר אמאל ביי זיין טאטן הערט ער נישט אפילו וואס ער זאגט - אזוי איז די נאטור, ווייל עס איז א צווייטע סארט נשמה.

מען דארף נאר וויסן, עס קען גאר זיין למען הבחירה, מען זאל נישט פארגעסן - מען דארף גאר שטארק מכבד זיין א טאטן, דאס איז א גזירה מן השמים, עס איז פון די עשרת הדברות - נישט סותר זיין זיין טאטן בדיבור, מכבד זיין זיין טאטן מיטן גאנצן כח.

אבער דער מציאות איז, דער אר״י הקדוש זאגט, א רבי וואס האט שייכות מיט שורש נשמתו איז אסאך א געזונטערע און גרעסערע שייכות ווי מיט א טאטן. אוודאי מיינט מען אזא רבי וואס מען האט א חיות פון דעם רבי׳ן, מען שפירט דורך אים א חיות אינעם לערנען.

דאס איז דער סוד פון[ז]: **״אבידת אביו ואבידת רבו - אבידת רבו קודמת״**.

---

ה. עיין שער הגלגולים הקדמה י׳.

ו. עיין כל זה באריכות בספר ״עץ חיים״ להאריז״ל שער כ״ב פרק ב׳; וב״ליקוטי תורה״ להאריז״ל פר׳ וירא.

ז. בבא מציעא לג ע״א.

**נעמען 'נשמה'**

אז דער אויבערשטער העלפט, עס קומט זיך צונויף א רבי מיט א תלמיד, וואס דער רבי איז טאקע א רבי אמיתי, א צדיק, וואס ביי אים ליגט דער שורש נשמה פון דעם תלמיד, ווערט דער תלמיד ממש א גוף צו דער נשמה וואס דער רבי גיט אים.

עס שטייט אין יחזקאל[ח]: "**עַל אֲשֶׁר יִהְיֶה שָּׁם הָרוּחַ לָלֶכֶת יֵלֵכוּ שָׁמָּה הָרוּחַ לָלֶכֶת וְהָאוֹפַנִּים יִנָּשְׂאוּ לְעֻמָּתָם כִּי רוּחַ הַחַיָּה בָּאוֹפַנִּים**". די "אופנים", זאגט דער רבי אין ליקוטי מוהר"ן סימן י"ג, זענען די גופים; אז דער אויבערשטער העלפט, ווערט דער מענטש א גוף צו דער נשמה פון דעם צדיק - דער צדיק גיט אים 'נשמה', ער גיט אים 'לעבן', ער גיט אים 'חיות', און ער פירט זיך כפי דעם 'דעת' און כפי דעם 'נועם' און דער געשמאק פון דער דעת אלקות וואס זיין רבי גיט אים אריין.

דער רבי ברענגט טאקע אראפ דעם ענין אין תורה כ"ב[ט], אז א מענטש איז א גוף צום צדיק - עס שטייט דארט מפורש.

דער "תולדות" ברענגט עס אראפ כמה פעמים[י], אז די ראשי הדור זענען די נשמות פון דעם דור - די צדיקי הדור זענען די נשמות פון דעם דור (והדור לעומתם הם בחינת גוף).

אז א מענטש ווערט מזוכך און ער באקומט דעם צדיק וואס איז זיין שורש נשמה - דאס איז כל התורה כולה, עס איז ממש פלאי פלאות, דער צדיק ווערט זיין נשמה!

אט דאס איז דער טייטש - 'א רבי מיט א תלמיד', אז וואס זיין רבי זאגט, ווערט דאס ביי אים זיין 'נשמה', זיין חיות, ער לעבט מיט דעם. אזוי ווי די נשמה איז דער חיות הגוף, אָן די נשמה קען מען

---

**ח.** א, כ'.

**ט.** ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ב, אות ו'.

**י.** הקדמה לתולדות יעקב יוסף פרשת צו אות ג', ועוד

גארנישט טון, אזוי אויך אז מען באקומט דעם דעת פון דעם צדיק ווערט מען א גוף צו זיין נשמה, מען לעבט מיט אים.

### אים געגעבן דאפלט

מען זעט טאקע א שיינע זאך ביי אלישע'ן. אלישע איז דאך געווען א ריכטיגער תלמיד [- זיי גייען טאקע אריין צווישן די פערציג מקבלי התורה; ווען דער רמב"ם רעכנט אויס אלע מקבלי התורה איש מפי איש פון משה רבינו ביז רבי אשי, איז איינס פון זיי - 'אלישע ובית דינו' - "אלישע ובית דינו קיבלו את התורה מאליהו ובית דינו"]. איז זעט מען, פאר זיין הסתלקות האט אים אליהו געפרעגט, "וואס ווילסטו?".

איז וואס האט ער געוואלט? וואס האט ער גענומען א גאנץ לעבן ביים אים? נשמה! האט ער אים געבעטן די זאך איינמאל פאר אלעמאל - 'גיב מיר דאפלט פון וואס דו האסט! גיב מיר נשמה!' "**וִיהִי נָא פִּי שְׁנַיִם בְּרוּחֲךָ אֵלָי**"[יא] - גיב מיר 'רוח' פון דער "**כִּי רוּחַ הַחַיָּה בָּאוֹפַנִּים**"; 'דו גייסט דאך אוועק, איך גיי דיר נישט האבן אויף אייביג - גיב מיר דאפלט, אזוי וועט זיך נישט אנזען אז דו גייסט אוועק'.

על-כל-פנים, אט דאס זעט מען ביי א רבי'ן, אט דאס איז א ריכטיגער רבי, דער וואס מען זעט ביי אים דעם 'דעת אמיתי', דער שורש נשמה וואס גיט אים איבער תורה לפי שורש נשמתו.

### ווען נישט דעם חטא 'עץ הדעת'...

ר' אלעזר ביין ע"ה[יב], דער וואס האט איבערגעדרוקט טויזנטער עמודים פונעם רמ"ק - ער איז געווען א גרויסער בקי אין ספרי

---

**יא.** מלכים-ב ב, ט.

**יב.** ה"ה **הרה"ח ר' אלעזר מאיר** ב"ר שלום יהודה **ביין ז"ל**. היה יליד פוילן, מחסידי פיאסצנא, קוזניץ, גור, וראה כמעט כל צדיקי דורו. עמד לצד חמיו להוציא לאור

הרמ"ק, האט ער מיר געזאגט [– איך פלעג אים געפינען כסדר], אז עס שטייט אין רמ"ק, ווען אדם הראשון וואלט ווען נישט געגעסן פון דעם עץ הדעת, וואלט דאך דעמאלט געווען אינגאנצן א העכערע וועלט, וואלט דעמאלט געווארן דער 'שיר השירים' מיט דעם דמות אז ווען ער וואלט געוואלט ארויסווייזן די אהבה און דער קשר פון אידן מיטן בורא עולם, וואלט ער דאס געוויזן מיט גאנצענע משלים וואס וואלט געגאנגען פון א רבי מיט א תלמיד!

דאס וואלט געווען דער שִׂיא (- דער הויכפונקט) האהבה והקשר וואס איז דא אין דער בריאה![יג]

ווען אדם הראשון עסט ווען נישט פון דעם עץ הדעת, איז ווען מען וואלט געוואלט מדמה זיין דעם שטארקן קשר פון אידן מיטן אויבערשטן, וואלט ער (דאס געוויזן) אויף דעם (- בין התלמיד לרבו), דאס וואלט געווען די גרעסטע אהבה, דער גרעסטער קשר – א רבי מיטן תלמיד!

בפרט (אזא רבי) וואס מען גייט דורך אים צום אויבערשטן, (וואס ער שיינט אריין) 'חכמת הבורא' וואס איז בלי גבול ובלי ערך, דאס איז דאך דער חיות, דאס איז חיים נצחיים.

---

מכתב-יד רוב-רובו של ספר 'אור יקר' מהרמ"ק. היה משומעי לקחו של מורינו שליט"א בישיבת המקובלים "שער השמים". עסק כל ימיו עם צעירי צאן קדשים להחזיק אותם באמונה ובשמחה ובהתחזקות בדרכי תלמידי הבעש"ט. הצטער בצער הזולת עד כדי דמעות. השאיר אחריו דור ישרים יבורך. נפטר בשם טוב י"ח כסלו תשנ"ט לפ"ק.

**יג.** עיין באוסף אמרים (סוכות, מאמר אמונת צדיקים) וז"ל מורינו שליט"א: והנה, בעיקר מצות אהבת ישראל – ביותר יש לאהוב את הצדיקים ועובדי השי"ת. ובספה"ק תולדות יעקב יוסף איתא, שעיקר כוונת דברי האר"י הק' שיש לקבל קודם התפילה מצות ואהבת לרעך שעי"ז תפילתו רצויה – עיקר דבר זה עולה על אהבת הצדיקים, שיש בין ישראל לצדיקי הדור. וכאשר האדם אוהב את ישראל, מכל שכן שאוהב את צדיקי הדור שעושים רצון ה' יומם ולילה מתוך מסירות נפש, ועל ידי כן נכלל האדם בהם ממש, וכל המחובר לטהור טהור.

## זוכה זיין צו 'נשמתו' של משיח

מען זעט טאקע, עס שטייט אין גמרא פסחים דף ה' (ע"א): "**בִּשְׂכַר שְׁלֹשָׁה 'רִאשׁוֹן' - זָכוּ לִשְׁלֹשָׁה 'רִאשׁוֹן'**". וואס איז דער פשט? בזכות די דריי מצוות וואס זענען "ראשון", דהיינו, 'מצות ארבעה מינים', אזוי ווי עס שטייט[יד]: "**וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם 'הָרִאשׁוֹן'**"; און די מצוה פון 'שביתה בסוכה' - פון שובת זיין אין דעם יום טוב סוכות, אזוי ווי עס שטייט[טו]: "**בַּיּוֹם 'הָרִאשׁוֹן' שַׁבָּתוֹן**"; און פסח איז אויך 'ראשון', אזוי ווי עס שטייט[טז]: "**אַךְ בַּיּוֹם 'הָרִאשׁוֹן' תַּשְׁבִּיתוּ**". איז בזכות די דריי מצוות פון 'שובת זיין ממלאכה בפסח', 'שובת זיין ממלאכה בסוכות', און 'ארבעה מינים', וועט מען זוכה זיין צו די דריי זכיות וואס עס שטייט ביי זיי 'ראשון'.

די ערשטע זאך שטייט, 'מכרית זיין זרעו של עשיו', וואס ער רופט זיך 'ראשון', אזוי ווי עס שטייט[יז]: "**וַיֵּצֵא 'הָרִאשׁוֹן' אַדְמוֹנִי**"; די צווייטע זאך איז, 'זוכה זיין צום בית המקדש', אזוי ווי עס שטייט[יח]: "**כִּסֵּא כָבוֹד מָרוֹם 'מֵרִאשׁוֹן' מְקוֹם מִקְדָּשֵׁנוּ**"; און די דריטע זאך איז, מען וועט זוכה זיין 'לנשמתו של משיח', אזוי ווי עס שטייט[יט]: "'**רִאשׁוֹן' לְצִיּוֹן הִנֵּה הִנָּם**", וואס דאס גייט אויף משיח, וואס ער רופט זיך "ראשון לציון".

איך האב זיך געוואונדערט אלעמאל, וואס איז דער לשון "נשמתו"? אז מען וועט זוכה זיין צו משיח, וועט מען דאך זוכה זיין צו נשמתו אויך? נאר דער אמת איז, דאס גרויסקייט פון משיח איז דאך 'בלי

---

**יד**. ויקרא כג, מ.

**טו**. שם לט.

**טז**. שמות יב, טו.

**יז**. בראשית כה, כה.

**יח**. ירמי' יז, יב.

**יט**. ישעי' מא, כז.

גבול ובלי תכלית', דאס מאכט מיר נאכנישט גליקליך, עס וועט דאך זיין אזא מרחק, וואס בין איך גליקליך מיט דעם? **נאר משיח וועט זיין די נשמה פון דעם דור - פון יעדן איינעם ממש!**

יעדער איינער וועט האבן די נשמה פון משיח 'בשורש נשמתו'; מען וועט ווערן אויפגעלעבט אזוי שטארק פון דעם 'דעת אלקות', פון דער חיות דקדושה וואס מען וועט האבן אין משיח'ן, אז מען וועט שפירן אז ביז ערשט איז מען געווען א געשטארבענער מענטש – אזוי שטייט אין זוהר, ממש געשטארבן, נישט געלעבט! - אזא חיות וועט יעדער איינער פון דא באקומען פון משיח'ן - מקטן ועד גדול! **אט דאס איז דער טייטש 'ביאת המשיח'!**

אט דאס איז דער פשט אז מען וועט זוכה זיין 'לנשמתו של משיח'. עס שטייט נישט '**ל**משיח', נאר מען וועט האבן זיין 'נשמה'; משיח איז אזוי גרויס אז ער האט נשמות פאר גאנץ כלל ישראל - פאר אלע וואס זענען געווען און וועלן נאר זיין - אזוי גרויס איז משיח.

עס איז פארהאן א פסוק[כ]: "**הוּא גָּלֵא עַמִּיקָתָא וּמְסַתְּרָתָא, יָדַע מָה בַחֲשׁוֹכָא, וּנְהוֹרָא עִמֵּהּ שְׁרֵא**". זאגט דער מדרש[כא], "**ונהורא עימיה שרא**" - עס ליגט היינט באהאלטן אַן אור, א גרויסער אור, וואס דאס האט דער אויבערשטער באשאפן נאך פאר דער בריאה, וואס דער אור האלט דער אויבערשטער אין האנט אויף צו מתקן זיין דער גאנצער בריאה - 'דאס איז 'נשמתו של משיח', און עס איז באהאלטן ביי השם יתברך, ער האלט דאס למען תיקון הבריאה.

## דער באדייט פון 'התקשרות לצדיק'

דאס איז טאקע דער ענין וואס אלע ספרי בעל שם זענען פארנומען א וועלט מיט דעם ענין פון 'צדיק' און 'התקשרות לצדיק',

---

**כ.** דניאל ב, כב.

**כא.** מדרש רבה פר' בראשית פר' א', פס' ו'.

ווייל דאס איז דער עיקר תיקון - מען זאל וויסן פון דעם צדיק וואס ער איז ׳שורש נשמתי׳, וואס ער ווערט ׳מיין נשמה׳, מיין ׳רוח החיה באופנים׳, איך לעב מיט אים, ער גיט מיר אלקות, ער גיט מיר אמונה, חיות דקדושה, אלע הייליגע אורות, און דער גוף פירט זיך מיטן דעת פון צדיק.

דאס איז פשוט דער טייטש פארוואס די תלמידי בעל שם האבן איבערגעקערט וועלטן אז מען זאל זוכן דעם צדיק האמת וואס ער איז זיין שורש נשמה, כדי זיך צו ראטעווען[כב].

בשעת דאס ווערט טאקע, איז דאס א קשר נפלא מאד![כג]

---

**כב.** עיין ליקוטי מוהר״ן סי׳ י״ג (ע״פ ליקוטי עצות): **עלכן מי שיודע בנפשו שפגם מאד ורוצה לחוס על חייו ולחזור להשם יתברך, צריך לבקש ולהתחנן מאד מאד לפני השם יתברך, שיזכהו ברחמיו להתקרב לצדיק כזה, שיהיה גיבור כל כך שיוכל להעלות ולחדש גם נפשו לטובה, אשרי הזוכה למצוא צדיק כזה ... גם גופו יתעלה ויתחדש על ידי שבא להצדיק.**

**כג.** עיין באוסף אמרים (סוכות מאמר אמונת צדיקים) וז״ל מורינו שליט״א: והתקשרות לצדיק צריך להיות מצד מה שמרגיש האדם בקדושת הצדיק ובפרישות הצדיק והשגותיו ודבקותו, שכל ימי חייו הרי הוא מתקטר להשי״ת בחד קטירא. וכדאיתא מהאר״י הק׳ בכוונת קרי״ש, דהנה בדרך כלל מקור הנשמות הוא מזעיר אנפין וממלכות, ויש צדיקים שנשמתם בא מאבא ואמא – שהוא מקום גבוה עד מאוד. וכתב: ״אל תתמה בגודל מעלת הצדיקים שאין לו קץ, לפי שזכו בשפע נפלא על ידי מעשיהם״. היינו, שעשו אתערותא דלתתא עצומה ע״י שהרבו במעשיהם הטובים. וזהו עיקר מטרת האהבה לצדיק, לפי שמקיים רצון ה׳. ולא כאותם שכל שייכותם עם הצדיק למען ייטב להם בגשמיות. אהבת הצדיק הוא לידע מיראתו של הצדיק, וכמו שנגלה הבעש״ט לאחר הסתלקותו לאחד מתלמידיו וטען לו, מה טעם מדברים אתם ממופתי ואין אתם מדברים מיראת שמים שלי. ויש לנו להודות להשי״ת על שהיו בעולם כמה וכמה צדיקים, שעל ידם יוכל האדם לבוא לתיקונו הראוי. וכשם ש׳ואהבת לרעך כמוך׳ הוא חידוש ותיקון נפלא מאוד לשלימות האדם, וכלשון האור החיים הק׳, שבאמצעותו נשלם מעשיו בבחינת ׳כמוך׳ ממש, כן הוא ביותר על ידי התקשרות לצדיקים.

עס איז א פלא; **פון די ווערטער פון רבי'ן קומט אויס, בשעת עס ווערט מקורב א תלמיד צו זיין רבי'ן ווערט געטון תיקונים אין אלע עולמות!**[כד]

און דאס איז דא ביי יעדן אידן, ביי יעדן אידן. דערפאר דארף מען אסאך בענקען ביז מען וועט ווערן א גוף צו דער נשמה.

עס איז נישט קיין ספק אז די פערציג מקבלי התורה איש מפי איש וואס דער רמב"ם רעכנט אויס פון משה רבינו ביז רב אשי און נאכדעם וואס רב אשי האט מסדר געווען דעם ש"ס וואס דער ש"ס איז דער רבי פון אלע אידן און עס גייט אויך דורך רבי'ס מיט תלמידים, איז קיין ספק נישט אז דער ריכטיגער שלשלת פון קבלה וואס מיר האבן עד היום פון דער תורה הקדושה, איז דורכגעגאנגען דורך אזעלכע מקבלי התורה וואס איין תלמיד האט געפונען זיין רבי'ן וואס האט אים איבערגעבן דער תורה אז מען זאל עס קענען מקבל זיין ווי עס דארף צו זיין, לפי זיינע כלים, ולפי די השפעה פון דעם צדיק.

*

## קענען ארייננפּאסן דעם דיאמאנט

עס איז דא זייער אסאך טעמים פארוואס עס רופט זיך "אבות" וואס עס איז נישט שייך אזוי מאריך צו זיין. איך האב אבער געזעהן א זאך וואס איז טאקע מער 'לענין'. 'אבות' רעדט זיך דאך וועגן 'מידות', און דער שורש המידות איז 'ענוה'[כה]. דער שורש פון אלע

---

**כד.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' י"ג הנ"ל; ובסי' ו', אות ה', בא"ד, מש"ש: "**ואז נעשה יחוד**" וכו', ובחיי מוהר"ן אות ב', מה שכתב הרה"ק מוהרנ"ת על זה: "**ואז אמר לי בזה"ל: שבכל מקום שמתועדין יחד רבי עם תלמיד נעשה בחינה זאת**", וכו', עיין שם.

**כה.** עיין גמ' ע"ז דף כ' ע"ב: שענוה גדולה מכולן.

מידות רעות איז 'גאוה', דאס איז נישט נאר דער שורש פון אלע מידות רעות, נאר אויך פון אלע תאוות.

ווען א מענטש זאל וויסן אז עס קומט אים גארנישט - און ער איז גארנישט, ברוך ה' - וואס ער האט, ברוך ה' - עס איז דא א רבונו של עולם - זאל איך גיין גנב'ענען תאוות רחמנא לצלן?!

קומט אויס, עניוות דאס איז דער שורש פון אלע מידות טובות, און פון אלע תאוות רעות איז דאס דער זיכוך, ער איז דער שורש המידות.

דאס איז זייער א גרויסער אמת; אז מען ווייסט אז 'אין עוד מלבדו' איז נישט שייך זיך (גרויסצוהאלטן), מען האט גארנישט ממש, און וואס מער מען האט דאס און מען לערנט עס, ווערט מען מער אלקות.

דער רבי זאגט[כו], אַן ענָיו קען ארייננעמען אלקות בלי גבול. אז א מענטש לייגט אריין א דיאמאנט אין א חלל פון א טבעת, איז וואס דער חלל איז גרעסער, גייט אריין מער דעם דיאמאנט. ווערט ער אבער קלענער, מער מצומצם, שטופט ער ארויס דעם דיאמאנט. אזוי אויך, וואס א מענטש איז מער עניו, האט ער מער אלקות; עס איז שטארק תלוי זה בזה.

דער חיד"א זאגט, 'אבות' מיטן כולל איז בגמטריא 'שפל'. איז זייער גוט טאקע פארוואס עס רופט זיך 'אבות', ווייל ענוה ושפלות דאס איז דער שורש פון דער גאנצער מסכתא.

**כו.** ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"ב.

## דער שורש פון אלע ישועות ברוחניות ובגשמיות

מען זעהט טאקע אַן אינטערעסאנטע זאך, אלע ישועות וואס א מענטש האט, האט ער פון עניוות - אלע ישועות בגשמיות וברוחניות[כז]. און אלע צרות האט מען פון גאווה, **"לִפְנֵי שֶׁבֶר גָּאוֹן"**[כח].

עס איז דאך אזוי קלאָר - דער אויבערשטער זאל נישט ווייזן ווי קלאר דאס איז...

אז דער אויבערשטער נעמט חלילה צו פון א מענטשן דעם 'כוחי ועוצם ידי', זעט ער ווי אזוי ער קוקט אויס - ער זעט אז אלץ איז פון אויבערשטן.

דער אויבערשטער זאל נישט ווייזן, מען זאל האבן שכל אז עס זאל נישט דארפן קומען קיין 'שבר', מען זאל וויסן פאר זיך דעם אמת, מען זאל ממליך זיין דעם אויבערשטן אויף יעדער זאך וואס מען האט, דעמאלט האט דאס א קיום.

## איינפלאנצן ביי זיך דעם 'אלופו של עולם'

עס שטייט פון רבי נחום טשערנאבלער אין מאור עינים[כט], עס איז דא א גמרא אין ביצה[ל]: **"הרוצה שיתקיימו נכסיו יטע בהן אדר"** (- מין אילן חשוב. רש"י). בפשטות איז דער פשט, ווייל דער (- גנב אדער גזלן)

---

**כז.** עיין ספר המידות ערך 'ישועה' אות כ"א: **"על ידי ענוה בא ישועה"**. גם עיין בליקוטי עצות ערך 'גאוה וענוה', אות כ"ד (ע"פ ליקוטי מוהר"ן סי' קס"ב): **"על ידי ענוה שהוא אַין ממש, על ידי זה יזכה לתורה וגדולה במקום אחד. אבל בלא זה קשה שיהיו שניהם יחד, תורה וגדולה"**.

**כח.** משלי טז, יח. עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קס"ח: **כשבא לאדם גדלות סימן שיבוא לו צרה ח"ו**, כמו שכתוב (משלי ט"ז): **'לפני שבר גאון'**, וכן כשהוא שפל, סימן שיבוא לכבוד גדול, כמו שכתוב (שם ט"ו): **'ולפני כבוד ענוה'**.

**כט.** עיין שם פר' תרומה; גם עיין ב"דגל מחנה אפרים" בליקוטים ד"ה "והטוב", וב"בני יששכר" - אדר, מאמר א'.

**ל.** טו ע"ב.

וועט נישט מחזיק זיין אין א פעלד וואס פארמאגט אַן אדר, ווייל מען דערקענט דעם אדר, עס האט א שיינעם נאמען, ממילא באקומט דער שדה א 'שֵׁם' אז 'דער' מענטש האט דארט אַן אדר אין דעם פעלד.

זאגט ער: "הרוצה שיתקיימו נכסיו יטע בהן אדר"; 'אדר' איז - "אל"ף דר" - ער זאל וויסן אז עס איז נאר פון אויבערשטן אליין (- האלופו של עולם), נאר פון אויבערשטן אליין! עס איז טאקע מלובש אין וואס עס איז מלובש אבער עס איז פון אויבערשטן אליין. אז דו וועסט ממליך זיין אז עס איז נאר פון אויבערשטן אליין, וועט עס זיין אייביג (- יתקיימו). אויב האט עס א 'ישות', א 'כוחי ועוצם ידי', איז עס שוין איינגעשטעלט.

## אפגעהאקט דער האנט

דער חובות הלבבות[לא] זאגט, עס איז געווען איינער א גרויסער שרייבער מיט א שיינעם כתב ולשון, ער פלעגט שרייבן מכתבים מיט מליצות און די סארטן זאכן, ער האט געהאט דערפון אסאך פרנסה. האט אים א שכן געפרעגט, "מה נשמע עם פרנסתך?". 'התחיל לשבח את ידו' - "איך האב אזא שיינע האנט - און דו פרעגסט מיר?". 'בו ביום נקטעה ידו!'

מיר אלע האבן הענט - אבער עס איז פון אויבערשטן אליין, דער אויבערשטער האט געגעבן א מתנה - מאכסטו עס פאר א ישות?! דאנק דעם אויבערשטן, וועט עס זיין אויף אייביג!

## ענוה - אַן אייביגקייט

דערפאר שטייט[לב] אז די "**עֲצֵי שִׁטִּים 'עֹמְדִים'**" איז קַיָם לעד - לעד ולעולמי עולמים[לג]. ווייל די 'עצי שטים' פון דער משכן איז געווען

**לא.** שער הבטחון פרק ז'.

**לב.** שמות כו, טו.

**לג.** עיין יומא עב ע"א.

'מעשה ידיו של משה', און ער איז געווען אַן עניו - א זאך פון אַן עניו איז אויף אייביג.

עס איז דא אסאך ארומצורעדן וועגן דעם. על-כל-פנים, מען לויפט נאך גאוה - עס איז איום ונורא, מען לויפט עס נאך - אלע צרות האט מען דאך פון דעם.

עס איז דא א מאמר החכם[לד], א חכם האט אמאל געזאגט: **'פון אלע מיינע אוהבים און פון אלע מיינע ידידים - אזא ידיד ווי ענוה האב איך קיינמאל נישט געהאט!**

מען איז אהוב לבריות, אהוב להקדוש ברוך הוא, ממש מען איז ממשיך דער שכינה, עס האט נישט קיין גבול וויפיל ישועות מען האט פון עניוות.

און פארקערט רחמנא לצלן. די גמרא זאגט: **"כל אדם שיש בו גסות הרוח, כאילו בא על כל העריות כולן!"** עס איז דער מקור התועבה ממש - אזוי זאגט די גמרא אין סוטה דף ד' (ע"ב) - איום ונורא - און מען לויפט עס נאך...

## זיך געשטופט ביי דאס פארדארבענע פלייש

אין "לב דוד"[לה] פון דער חיד"א, איז דא א מעשה [- ער ברענגט דארט אראפ זעקס פרקים; דאכט זיך עס איז מיוסד פון רבי חיים וויטאל, און ער איז דארט מַשלים נאך אפאר פרקים]. ברענגט ער אראפ א מדרש. עס איז געווען אמאל, אליהו הנביא איז געגאנגען מיט ר' יהושע בן לוי אין גאס, זענען זיי געגאנגען אויף א גרויסע גאס ווי עס איז געווען אסאך מענטשן, עס איז געווען דארט א

---

**לד.** עיין "מבחר הפנינים" - שער הענוה: ואמר, **מצאתי הענוה שהיא עוזרת לי מכל אנשי.**

**לה.** פרק כ"ב.

גרויסער שוק, איז דארטן געשטאנען א קלייט, און עס איז געשטאנען סחורה דארטן און מען האט געקויפט, 'וכל אחד רצה להקדים את חבירו' - אזא איינקויפאכטס איז געווען אין דער קלייט.

פאר ר' יהושע בן לוי איז געווען אינטערעסאנט וואס מען פארקויפט, איז ער צוגעגאנגען צו דער קלייט צו זען וואס מען פארקויפט, זעט ער - 'בָּשָׂר כֶּלֶב סָרוּחַ' - פלייש פון א הונט 'סרוח', שוין.

ער איז געגאנגען ווייטער אין א צווייטע גאס, א ליידיגע גאס, איז געווען דארט עפעס א קלייט ווי עס איז געשטאנען דארט אפאר מענטשן און געקויפט. עס איז אים געווען אינטערעסאנט וואס מען פארקויפט - גייט ער צו, זעט ער - 'בשר עגל בריא ושמן'!

דער 'בשר כלב סרוח' האט געקאסט יעדע ליטר - א דינר, און ביי די קלייט וואס האט פארקויפט 'בשר עגל בריא ושמן', האט געקאסט א פרוטה א ליטר...

"תמה ר' יהושע בן לוי" - זעה וואספארא מין 'תור' (- רייע) דארטן טוט זיך - און נאך ביי וואספארא קלייט, און דא קויפט קיינער נישט, נאר עפעס עטליכע, וואס איז די סיבה? ער האט געפרעגט פון אליהו'ן - "מה זה?".

האט אים אליהו געזאגט, אז דאס האט מען אים חוזה געווען א חזיון; דער 'בשר כלב סרוח' דאס איז עבירות - און עס קאסט א דינר א ליטר - און רחמנא לצלן - 'כל אחד רוצה להקדים את חבירו', און 'דאס' איז תורה ומצות - און קיינער קויפט נישט...

מען קען דאס זאגן אויף דער מידת הענוה, דאס איז הפלא ופלא, הפלא ופלא; ענוה איז דאך א גוטע זאך 'בעיני אלקים ואדם', אלע ישועות הנמשכות האט מען פון ענוה. דער אויבערשטער האט ליב אַן עניו, די ישועות דערפון איז בלי גבול.

[מען וועט רעדן א צווייטע מאל בלי נדר, א תמצית פון די חז"ל'ן און פון חיד"א, די מעלות פון עניוות - אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, עס איז עפעס 'אֵין גבול'; און 'לעומת זה' - די גנות הגאוה].

- און אזוי איז דאס; 'דאס' (- גאוה) לויפט מען נאך, און 'ענוה' וואס איז ביי דיר אין האנט, און עס איז דאך קלאר און עס איז אמת און עס איז דאך ריכטיג, וויל מען נישט מודה זיין על האמת...

**עס איז הפלא ופלא, ענוה איז גוט אויף דער וועלט און גוט אויף יענער וועלט**[לו].

## לויף אים כאטש נישט נאָך...

על כל פנים, מיר דארפן האבן זייער שטארק די זאך, מען דארף וויסן עס איז דא חז"ל'ן וואס רעדן איום ונורא אויף גאוה - מיר דארפן נישט נתפעל ווערן (- ליפול בחלישות הדעת); ווייל אסאך מאל דארף מען וויסן אז דאס אלעס איז אויב מען לויפט עס נאך, מען פאשעט עס, מען האדוועט עס, מען שלאגט זיך פאר דעם. אבער דאס וואס מען האט נאך פון דער הולדה, נאך פון דעם עץ הדעת, דאס זענען מיר נישט שולדיג. מען דארף

---

לו. עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"ב: **עיקר התחיה לעתיד שיחיו ויקומו בתחיה, יהיה רק להשפלות של כל אחד**, היינו שרק השפלות של כל אחד ואחד יהיה נחיה ויקום בתחיה לעתיד. כי עיקר התענוג הנפלא שהם חיים נצחיים של עולם הבא אי אפשר לאדם לקבל, כי אם השפלות והענוה האמתית של כל אחד, הוא לבדו יזכה לחיות ולקבל התענוג והחיים של העולם הבא.

גם עיין באוסף מכתבים (חלק ב' מכתב קכ"ב) וז"ל מורינו שליט"א: וראש לכל, לא צריכים לחשוב לגמרי מהסבל שסובלים, כי אם לדעת שהכל מהשי"ת והכל לטובה, וצריכים לצרף ג"כ את העצה שכתבתי לך להקל את הדבר ולהיות קצת קר רוח וכו'. **ובצירוף הכל יכולים להמשיך את החיים ולעבור את החושך, כי התרעומת והמחלוקות עוקרים את האדם משני עולמות, וזה ע"י מעט שוחד שהיצה"ר נותן להגוף – קצת תענוג שוא של ניצחון וכדומה, שצריכים לשבר את זה כמו כל התאוות המדומות.**

נאר טון אין דעם, ווייל דאס וויל דער אויבערשטער, מען זאל טון אין דעם.

## ווען דער 'נברא' האלט זיך ווי א 'בורא'...

רבי צדוק פון לובלין זאגט[לז], בשעת דער נחש הקדמוני האט געזאגט חוה'ן[לח]: "**וִהְיִיתֶם כֵּאלֹקִים**", איז דעמאלט אריין א זוהמה פון גאוה אין אלע נבראים אז כאטש מען איז א נברא, האלט מען זיך גרויס ווי א בורא רחמנא לצלן...

א מענטש דארף וויסן, מיין שמחה איז אז איך האב א בורא! אז איך וועל זיין א 'בורא' איז דאך אָך-און-וויי צום אויבערשטן און אָך-און-וויי צו דער בריאה... - אזא גאוה האט מען.

על כל פנים, דארף מען וויסן אז מען דארף טון אין דעם.

מען דארף טון אין דער זאך, עס איז א מצוה צו טון. גאוה מאכט אָן אלע דינים, אלע עבירות, אלע צרות[לט]. ענוה איז ממתיק כל הדינים ומוחלין לו כל עוונותיו, עס איז בלי גבול.

---

**לז.** בספרו "מחשבות חרוץ" אות א'.

**לח.** בראשית ג, ה.

**לט.** עיין ליקוטי הלכות הל' שילוח הקן ה"ה אות י"ב, מה שמבאר שם על מה שאחז"ל (סוכה נא:) 'אבותינו שהיו במקום הזה אחוריהם אל היכל ה' ופניהם קדמה והמה משתחוים' וכו', וזל"ש: הראשונים שנפלו לתעובים וטנופים כאלה, רחמנא לצלן, **והכל היה מחמת גאות ורום לבב** שמביא את האדם לכל הרעות והצרות, רחמנא ליצלן, **ומשם עיקר כל הנפילות** עד שיכולין ליפול מאד מאד לצאת מעולמו לגמרי כמו אלו שהזכירו שעשו דברי שטות ותעובים כאלו שהפכו אחוריהם אל ההיכל והתריזו וכו' - הנשמע כזאת?! **וזאת צריכים לידע שגם הם בודאי לא היו שוטים וכסילים**, כי בודאי היו חכמים נפלאים להרע, כי זה ידוע שדורות הראשונים היו חכמים יותר, אך כל נפילתם שבאו לידי רעות כאלה היה על ידי גאות ורום לבב, כי היה להם כל טוב והיצר הרע וחמימות התאות מתגבר בכל דור עד שהפיל אותם בכל פעם, **ובכל עת שנפלו לא היו יכולים להתחזק לקרב עצמן לה' יתברך גם ממקום רחוק כזה.**

## גאוה אונטער א שלייער פון ענוה

די עצה היעוצה דערצו איז, לערנען חז"ל'ן פון ענוה. ווייל אז מען גייט טון אין ענוה קען מען זיך אסאך נאַרן[מ], מען קען וועלן זיין אַן עניו און ווערן נאך א גרעסערער עניו - און עס איז איז תכלית הגאוה.

דער רבי ברענגט אראפ[מא]: **"יש ענוה שהיא תכלית הגדלות"** - אזוי טייטש דער רבי אין איינע פון די תורות אין ליקוטי מוהר"ן.

מען קען זיין אַן עניו - און מען איז בתכלית הגאוה!

די עצה האחת איז, די חז"ל'ן האבן אין זיך א קדושה; די עצות און די לשונות פון חז"ל פון דער מעלה פון ענוה און פון דער גנות הגאוה דאס גיט אריין א קדושה פון ענוה אין א מענטשן צו געראטעוועט ווערן פון גאוה - נאר דאס!

עס איז דא ברוך ה' אסאך ספרים הקדושים; ערשטנ'ס כל איז דא די גמרות - די גמרא אין סוטה[מב] רעדט פון דער גרויסקייט פון דעם.

---

**מ.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ב: **"בענין ההכנעה טועים העולם הרבה**, כי הלא כמה אנו מייגעין עצמנו בעבודות ובתפלה כדי לצאת ממוחין דקטנות למוחין דגדלות, ואם כן אי אפשר שיהיה ההכנעה בפשיטות, כי אם כן הוא נכנס לקטנות, ועל כן בהכרח שיש בזה דעת. ועל כן לאו כל אדם יכול להיות עניו כראוי, רק משה רבינו ע"ה, הוא היה 'עניו מכל האדם אשר על פני האדמה' (במדבר י"ב)", וכו', עיי"ש. גם עיין בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"ב, בסופו: **"אין אנו יודעים כלל מהו שפלות אמיתי**, כי בודאי אין זה תכלית שיהיה שפל ונבזה ועצל, שקורין רע מזל (ובלע"ז: שלים מזלניק). כי השפלות הוא עיקר החיים של כל איבר ואיבר, והוא כל תענוג עולם הבא כנ"ל, ובודאי אין זה התכלית של עולם הבא, שיהיה נבזה ועצל וכו', חס ושלום. על כן צריכין רק לבקש מהשם יתברך, שיעזור לזכות לעניוות ושפלות אמיתי, שהוא עיקר החיים ועיקר התענוג של עולם הבא".

**מא.** ליקוטי מוהר"ן סי' י"א, אות ז': **יש ענוה שהיא תכלית הגדלות**, דהיינו שהוא עניו מחמת שהוא יודע שהגדלות מבוזה מאד, על כן הוא עניו כדי להתייקר ולהתכבד. נמצא שהוא עניו בשביל גדלות וכבוד. על כן צריכין להשכיל על דרכיו ולהתרחק מהגדלות בתכלית עד קצה אחרון כמו שאמרו חז"ל 'מאד מאד הוי שפל רוח'.

**מב.** דף ד-ה.

## די וועלט שטייט אויף זיי

עס שטייט[מג]: "**מְעֹנָה אֱלֹקֵי קֶדֶם וּמִתַּחַת זְרֹעֹת עוֹלָם**". זאגט די גמרא אין חולין[מד] - דאס גייט ארויף אויף די וואס האלטן זיך קליין, זיי לאזן זיך טרעטן פון אנדערע - די וועלט שטייט אויף זיי! די וועלט שטייט אויף זיי!

אדרבה, דער אויבערשטער דארף נישט קיין גאוה, דער אויבערשטער האט ליב אַן עניו.

די וועלט שטייט אויף ענוים; "ומתחת" - די וואס לאזן זיך טרעטן פון אנדערע, "זרועות עולם" - זיי זענען די שטארקע פון דער וועלט! זיי האבן א ריכטיגע הכרה אינעם אויבערשטן! זיי זענען עפעס; פארוואס זענען זיי עפעס? ווייל ער איז אַן עניו און ער ווייסט אז דאס וויל דער אויבערשטער - איז ער עפעס. אויב איז ער א בעל גאוה, איז ער גארנישט. און אזוי איז דא נאך רבות כהנה אויף ענוה.

## ערגער פון דער ערגסטער מצורע

אז א מענטש האט עפעס א פחיתות הכבוד - איז וואס? - ס'איז איום ונורא, איום ונורא...

איך זאג אלעמאל איבער, מען זעט א מורא'דיגע זאך, א געוואלדיגער לימוד, רבי משה וועבער ע"ה האט עס מיר געוויזן אין "אבות דרבי נתן", פרק ט׳[מה]. עס איז דא דריי סארטן מצורעים. א מצורע בכלל איז זייער א צובראכענער מענטש. דער תרגום טייטשט אויף מצורע - "סגירא" (- אַן אויסגעשפּארטער). זאגט דער זוהר[מו]:

---

**מג.** דברים לג, כז.

**מד.** דף פט ע"א.

**מה.** אות ב׳, וזל"ש: ג׳ מיני מוכי שחין נבראו בעולם, לח, יבש, בעל פוליפוס, **והיתה נפשו של משה נמוכה מכולם.**

**מו.** תזריע מט ע"ב.

"**סְגִירוּ דִּנְהוֹרָא עִלָּאָה**"; ער האט נישט קיין חיות, עס גייט אוועק דאס גאנצער חיות זיינער, דערפאר איז א מצורע 'חשוב כמת'[מז].

נישט נאר ער האט נישט קיין שמחת החיים, נאר ער איז הוילע מרה שחורה, ער איז אזוי ווי א געשטארבענער מענטש, ער שפירט אינגאנצן נישט קיין חיות אין זיין לעבן. ווייל סיי דער אויבערשטער האט מסלק געווען זיין חיות - דער אויבערשטער האט אים אוועקגעווארפן; און ווייטער - ער איז מובדל מבני אדם, מענטשן ווארפן אים ארויס חוץ משלש מחנות, ער שפירט ממש אז ער האט נישט קיין חיות אין זיין לעבן, "מצורע חשוב כמת".

איז דא דריי סארטן מצורעים: עס איז דא 'לַח' - א פייכטע צרעת, און עס איז דא 'יבש' - א טריקענע צרעת, און עס איז דא 'פוליפוס' - א שטינקעדיגע צרעת, א צרעת וואס איז מסריח - דער מענטש האט א ריח רע פון דעם. איז דער אויבערשטער האט אים אוועקגעווארפן, מענטשן האבן אים אוועקגעווארפן - זיין צובראכענקייט איז איום ונורא.

- **"והיתה נפשו של משה נמוכה מכולם!"**

אזא מין ענוה - מורא'דיג אין דער וועלט! 'נמוכה מכולם'! איר מיינט עס איז געווען 'נמוכה' מיט 'עצבות'? מיט א חיות! מיט שמחה![מח] אבער דאס איז דאס[מט].

---

**מז.** נדרים סד ע"ב.

**מח.** עיין בדרך כוכב (תורה א' שיעור ד') מה שמוסיף מורינו שליט"א וז"ל: ואף על פי כן אמרו שם (אבות דר"נ) על ענותנותו של משה: "יכול שהיה עניו כדורות הראשונים, ת"ל 'על פני האדמה', מדורו אמרו, ולא מדורות הראשונים", ע"כ. הרי לן דוגמא מופלגת של ענוה מאין כמוה ואף-על-פי-כן הפליגו האבות הק' בענוותנותם יותר ממנה. וזה מה שאנו רואים בעוצם ענוותנותו של יעקב באמרו **"הרועה אותי מעודי"** שהרגיש שלא מגיה לו כלל לחם לאכול. ועליו נאמר (חולין ה' ע"ב, ובפירש"י שם) **"ערומים בדעת כאדם-הראשון ונמוכי רוח כבהמה"**.

**מט.** עיין שיחות הר"ן אות מ"א: "**לב נשבר ועצבות אינו ענין אחד כלל**. כי לב נשבר הוא בלב, אבל עצבות הוא בא מן הטחול. ועצבות שהוא מהטחול היא סטרא

**"וְיָסְפוּ עֲנָוִים בַּה' שִׂמְחָה"**

אין דער קדושה קען א מענטש זיין אַן עניו - און פרייליך און צופרידן![נ] וואס מער מען איז אַן עניו, פריידט מען זיך מער, מען האט מער דעם אויבערשטן, דעמאלט הויבט מען אָן צו לעבן, אזוי בטל איז מען ביי זיך - אזא מין עניו ווי משה, דאס איז א מורא'דיגע זאך.

על כל פנים, דאס איז די עצה; לערן דורך 'שער הכניעה' אין חובות הלבבות, 'שער ענוה' אין ראשית חכמה, אלע פרקים פון מסילת ישרים פון 'ענוה וגאוה', אלע ספרים וואס רעדן פון ענוה וגאוה - זיי עוסק אין דעם, עס איז נישטא קיין אנדערע עצה, **"גדול תלמוד שמביא לידי מעשה"**[נא], עס איז מקַדש דעם מענטשן, עס גיט אריין א חיות אין דעם מענטשן.

דערפאר איז 'אבות' בגימטריא 'שפל', וויבאלד עס איז א התחלה פון מידות טובות, א התחלה פון קרבת אלוקים.

---

אחרא והקדוש ברוך הוא שונא אותה. אבל לב נשבר היא חביב לפני השם יתברך, כי לב נשבר יקר מאד מאד בעיניו יתברך ... ועל זה הזהיר אותנו כמה פעמים. להתאמץ ולהתגבר שלא יהיה לנו לב נשבר רק איזה שעה ביום, **ועצבות כלל לא. ושאר כל היום יהיה בשמחה**". גם עיין עוד שם אות מ"ה: **"אחר לב נשבר בא שמחה, וזה סימן אם היה לו לב נשבר - כשבא אחר כך לשמחה"**.

**נ.** עיין ליקוטי הלכות הל' פסח ה"ט, אות י"ז: אף על פי שהוא יודע בעצמו שהוא רחוק מאד מאד מהשם יתברך והוא מלא חטאים, רחמנא ליצלן, אף על פי כן לא יפול בדעתו על ידי זה כלל, רק יבוא על ידי זה לענוה באמת, שהיא בחינת שמחה, בבחינת 'ישמעו **ענוים וישמחו**'. וכתיב: 'ויספו **ענוים** בה' **שמחה** ואביוני אדם בקדוש ישראל יגילו'. כי קרוב ה' לנשברי לב והוא שוכן את דכא. ותיכף כשבא לשפלות אמיתי השם יתברך שוכן עמו ומנחם ומשמח אותו בכל מיני שמחות ונחמות, כי במקומו יתברך עוז וחדוה תמיד, כמו שכתוב: 'עוז וחדוה במקומו'. וכתיב: 'כי בו ישמח לבנו' וכו'.

**נא.** קידושין מ' ע"ב.

**"תורת ה'" אדער "תורתו"?**

עס איז דא טאקע א טייטש פון דער זוהן פון דעם קאזניצער מגיד[נב] אויף דעם פסוק[נג]: **"כִּי אִם בְּתוֹרַת ה' חֶפְצוֹ וּבְתוֹרָתוֹ יֶהְגֶּה יוֹמָם וָלָיְלָה"**. די גמרא פרעגט דאך[נד], עס שטייט: "כי אם **בתורת ה'** חפצו", און נאכדעם שטייט: "**ובתורתו** יהיה יומם ולילה"; עס איז תורת ה', אדער 'תורתו'? זאגט די גמרא, איידער מען לערנט עס, איידער מען קען עס, רופט זיך עס 'תורת ה'', אבער אז דו האסט עס געלערנט, איז עס דיינער - 'תורתו'.

אזוי ליב האט דער אויבערשטער דעם אידן, אז ער גיט אים אוועק זיין חלק התורה, זיין חלק פון זיין נשמה!

זאגט ער דארט: **"כי אם בתורת ה' חפצו"** - מען דארף לערנען די גאנצע תורה, מען דארף לערנען גמרא און פוסקים און שלחן ערוך - מען דארף לערנען, אבער **"ובתורתו"** - אין דאס וואס דו ביסט נכשל, [**"יהגה יומם ולילה"**] - אין דעם זאלסטו תמיד עוסק זיין[נה].

די זעלבע קען מען טאקע זאגן אויף דער ענין פון גאוה, היות דער ענין פון גאוה איז דא אין אלע נבראים; מען דארף עוסק זיין אין חז"ל'ן פון מידות טובות - אבער בפרט במידת הענוה, עס איז א געוואלדיגער כלל.

---

**נב.** בע"מ ספה"ק באר משה ועוד, הרה"ק ר' משה אליקים בריעה זצוק"ל.

**נג.** תהלים א, ב.

**נד.** עבודה זרה דף יט ע"א.

**נה.** עיין שיח שרפי קודש (פוילן) - ערך 'מצוה', אות י"ח, בשם הרה"ק רבי העניך מאלכסנדר זצ"ל, וז"ל: 'כי אם בתורת ד' חפצו ובתורתו יהגה יומם ולילה' (בתהילים). והקשה על כפל הלשון. ואמר הוא ז"ל, כי הנה באמת צריך האדם לעסוק בכל התורה ובכל המצוות, רק שצריך לברור לו מצוה אחת שבזה יעסוק תמיד. וזה כוונת הפסוק **'כי אם בתורת ד' חפצו'**, פירוש, בכל התורה כולה חפצו. פירוש שעוסק בכל התורה. **'ובתורתו'** פירוש במידה אחת **'יהגה יומם ולילה'**. ואמר הוא ז"ל, **'אני בחרתי לי מידת הענוה לשיעור'** וד"ל.

**זיך בייטן דעם נאמען**

דער חרדים ברענגט אראפ אַן אינטערסאנטע זאך[נו]: ביי א בעל תשובה איז דא 'שינוי מקום' 'שינוי מעשה' 'שינוי השם'. דער כלל פון 'שינוי מקום' איז דאך אוודאי (שייך בבעל תשובה), אז א מענטש גייט אוועק פון שלעכטע חברים, ער גייט אוועק אין אַן אַנדער פלאץ, אין אַן אנדערע שטח, ער באקענט זיך מיט ערליכע אידן, מיט גוטע חברים – דאס איז 'שינוי מקום'.

'שינוי מעשה' איז דאך אוודאי, אנשטאט צו טון עבירות זאל ער אנהויבן צו טון מצות.

אבער וואס איז 'שינוי השם'? מען געפינט נישט אז מען זאל געבן פאר א בעל תשובה די עצה אז ער זאל זיך געבן אַן אנדער נאמען.

זאגט ער אַן אינטערסאנטע זאך, 'בינו לבין קונו' זאל מען זיך אליין געבן א נאמען וואס ער זאל זיך רופן מיט דעם - ער זאל זיך אפשטימען 'איך הייס דעם נאמען'.

וואספארא נאמען? ער זאל זיך א נאמען געבן: "**אגודת אזוב**".

"אגודה" איז - "**אין אגודה פחות משלשה**"[נז]. ווייל א מענטש דארף זיין אַן עניו 'במחשבה', אַן עניו 'בדיבור', אַן עניו 'במעשה'. זאל ער זיך אפשטימען אז ער איז "אגודת אזוב", און טראכטן כסדר - 'איך דארף זיין אַן עניו 'במחשבה דיבור ומעשה".

אזוי הייסט ער - ער הייסט 'אגודת אזוב', א שטיקל אזוב, דאס איז ער, און דאס זאל זיין זיין נאמען 'בינו לבין קונו'! - אַן אינטערסאנטע זאך.

---

**נו.** עיין ספר חרדים - הקדמה למצוות.

**נז.** רש"י מס' שבת קט ע"ב.

**מסכים אויף אלצדינג**

על כל פנים, בעזר ה', בלי נדר וועט מען ממשיך זיין ווייטער וועגן די מידה און אריינגיין אין דער מסכתא.

דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן עס זאל נמתק ווערן אלע דינים פון גאנץ כלל ישראל. עס איז נישטא אזא גוטע זאך וואס איז ממתיק דינים אזוי ווי ענוה, בפרט אז מען מאכט די ענוה אָן עצבות – 'דאס איז דאס, איך בין מסכים אויף דעם אויך!' - אדרבה, דורך דעם ווערט בטל אסאך דאגות[נח].

היינט איז א זמן וואס מען דארף המתקת הדינים; די צוויי זאכן אמונה מיט ענוה, דאס איז בדוק ומנוסה אויף אלע המתקת הדינים![נט]

שוין, דער אויבערשטער זאל העלפן עס זאל נמשך ווערן ישועות אויף גאנץ כלל ישראל, אמן.

---

**נח.** עיין ליקוטי הלכות הל' פסח ה"ט, אות י"ח, וזל"ש בא"ד: **עיקר הנפילה על ידי גדלות,** שמחמת גסותו נדמה לו שכבר היה יגע בעבודת ה', וכשרואה אחר כך גודל ריחוקו עדיין מהשם יתברך נופל בדעתו מאד. כי נדמה שהוא מתייגע בחנם ח"ו ועל ידי זה נופל לגמרי ח"ו ... אבל מי שרוצה לחוס על חייו האמתיים באמת **הוא מרוצה לעבוד את ה' בכל מה שיוכל אפילו אם ח"ו לא יזכה לשום מעלה רק שיקיל מעליו מעט עונשי הגיהנם וכו', או שיזכה לאיזה נקודה טובה בעלמא.** וכמו שפעם אחת שמעתי מרבינו ז"ל שאמר לענין כזה: **'ומה יהיה אם לא יהיה לי עולם הבא - מה לעשות? ואם יגיע לי גם גיהנם'** - והגביה ידיו, כאומר, **שצריך האדם להתרצות על הכל,** כי בוודאי לא יעשה השם יתברך עוולה נגדו ח"ו, כי צדיק וישר הוא וכו'. ומי שמחזק את עצמו תמיד כנ"ל הוא בא על ידי הירידה **לשפלות אמיתי** ומתקרב יותר להשם יתברך **ובטוח בחסדי ה' וטובו שיתהפך הכל לטובה** בכח וזכות הצדיקים האמתיים שיש להם כח להפוך הכל טובה. **ואזי זוכה לשמחה גדולה תמיד ומתקרב להשם יתברך יותר** בבחינת **ירידה תכלית העליה** כי השם יתברך **'שוכן את דכא'** וכו'.

**נט.** עיין ליקוטי הלכות הל' נדרים ה"ד, אות י"ח: כי **ענוה ואמונה תלויים זה בזה,** כמו שארז"ל (סוטה ד): 'כל המתגאה כאילו עובד עבודה זרה. נמצא, שגאות הוא בחינת כפירות ועבודה זרה. ולהיפך ענוה היא בחינת אמונה.

# יאמץ לבך

יעדער דור האט זיך זיינע תיקונים פאר דער שכינה הקדושה.

אין אונזער דור איז דער תיקון – **"נישט פאלן"!**

**זיך דערהאלטן און נישט פאלן!**

**זיך דערהאלטן!**

**ממליך זיין דעם אויבערשטן בתכלית ההסתרה!**

מיט דעם, בכה זה, נאר בכה זה, וועט דער אויבערשטער ווערן מגולה בתכלית הגילוי, בכח וואס מען איז ממליך דעם אויבערשטן בתכלית ההסתרה!

(דברות קודש בעת סעודת הילולא של מוהרנ"ת ז"ל באחד השנים)